# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Leshone Toyve (Happy New Year)

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/15b965rt

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 94(1)

**Publication Date**
1979-09-01

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

רעדאַקציע קאָלעגיע:
זלמן שלאָסער
משה שקליאַר
שמואל ווייס

# חשבון
פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג:
העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער
גרשון פרידמאַן, פין. סעקר.
מיטגלידער:
ז. בונין, נתן גערשאַוויץ,
משה כהן, שלמה צוקערמאַן
און אַלעקס ראַבין

35טער יאָרגאַנג, נומער 94 • האַרבסט 1979 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע

# ה׳תש״ם 5740

צום נייעם יאָר תש״ם אונדזערע האַרציקע

## שנה טובה ברכות

**צו אַלע אונדזערע לייענער, מיטאַרבעטער און פריינד בכל מקום שהם.**

**זאָל דאָס נייע יאָר ברענגען דעם לאַנג־געגאַרטן שלום פאַר דער וועלט און פאַר מדינת ישראל בפרט.**

אַלע סימנים ווייזן אַז מיר שטייען איצט ביי דער שוועל פון געוואַלטיקע ענדערונגען אויפן מיטעלן מזרח. דער גורל פון ישראל איז מחמת דעם איצט מער ווי אַלע מאָל אויף דער וואָגשאָל. די האָפענונגען אויף שלום זיינען אפשר קיין מאָל נישט געווען אַזוי נאָענט צו זייער פאַרווירקלעכונג ווי איצט. די צוויי הויפּט צדדים אינעם קאָנפליקט — עגיפּטן און ישראל — זיצן איצט ביים שלום־טיש און זוכן אַ יושרדיקן און פּראַקטישן אויסוועג איינצושטעלן שלום אויף וועלכן ביידע פעלקער ווארטן שוין אַזוי לאַנג, נישט רעכענענדיק זיך מיטן טעראָריזם פון דער פּ.ל.אָ.

אין טאָג פון ראש השנה, פון יום הזיכרון, פון דערמאָנונג, דאַרפן מיר אויך געדענקען אונדזער חוב פאַרן נאַציאָנאַלן קיום און המשך. אונדזער חוב און זאָרג דאַרף איצט זיין צו שטיין אויף דער וואַך נישט צו דערלאָזן אַז דורך שאַנטאַזש און טעראָר זאָל דער אַראַבישער אויל ווערן די בייטש וואָס וועט טרייבן די יידן פון מדינת ישראל.

אין דעם גרויסן טאָג פון ראש השנה דריקן מיר אויס אונדזער באַוווּנדערונג און גרייטקייט צו העלפן ברענגען שלום פאַר ישראל און פאַר דער וועלט.

רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג
פון „חשבון"